**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע מעטראָו-נארט אנגעפירטע טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענט פארענדיגט נעבן העריסאן סטאנציע**

***Avalon Harrison וועט האבן מער פון 140 אפאָרדעבעל האוזינג יוניטס מיט צוטריט צו געשעפטן***

***MTA ארבעט מיט די ווילעדזש אָוו וועסטבורי אויף קומענדיגער TOD פראיעקט, ערווארטעט צו אנהויבן ארבעט אין 2024***

***בילדער פון פארענדיגטע Avalon Harrison דעוועלאפּמענט פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול, פירער פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט ( Metropolitan Transportation Authority, MTA) און בעאמטע פון AvalonBay Communities האבן היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Avalon Harrison, א טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענט (transit-oriented development, TOD) ביי די העריסאן מעטראָו-נארט סטאנציע וואס איז אויפגעבויט געווארן מיט שטיצע פון די MTA. טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענט איז געווידמעט צו שטופן פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און פאר א בעסערע סביבה און געזונטע לעבנס שטייגער דורכן צושטעלן פאר איינוואוינער צוטריט צו געשעפטן, באקוועמליכקייטן און באן סטאנציעס גענוג נאענט צו גיין צופיס. די MTA זעצט פאר צו פאראויס גיין מיט טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענטס, מיט אנדערנאך אן אקטיווער פראיעקט יעצט אונטערוועגנס אין וועסטבורי.

"מיין אדמיניסטראציע זעצט פאר צו טוהן אלעס אין איר מעגליכקייט צו אויפבויען נייע הייזער אין יעדע ווינקל פון די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט מער פון 140 יוניטס פון אפאָרדעבעל הייזער, טוט דער Avalon Harrison פראיעקט נישט נאר גלאט אריינפאסן אין די קאמיוניטי — נאר עס פארשפרעכט אויך צו מאכן העריסאן מער לעבעדיג און פיסגייער-פריינטליך און צו דינען אלץ א מוסטער פאר טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפּמענטס אין אנדערע פלעצער."

Avalon Harrison, געבויט אויף די מעטראָו-נארט רעילראָוד העריסאן סטאנציע, רעכנט אריין:

- 143 אפּארטמענטס אין דריי אפּארטמענט געביידעס, אריינרעכנענדיג זיבן אפאָרדעבעל אפּארטמענטס מיט סאָבסידיס פון די וועסטשעסטער קאונטי רעגירונג
- אומגעפער 5,000 סקווער פיס פון אינעווייניגע באקוועמליכקייטן פאר די איינוואוינער קאמיוניטי
- אומגעפער 27,000 סקווער פיס פון אינעווייניגע לעבהאפטיגע פלאץ פאר געשעפטן/ביזנעסער אויף די שטאק פון די גאס
- צוויי פובליק פלאזאס מיט לענדסקעיפינג מיט פארבינדונגען צו די מעטראָו-נארט העריסאן סטאנציע פלאטפארמע
- 758 סך הכל פראיעקט פארקינג פלעצער
- 475 מעטראָו-נארט פאסאנזשירן פארקינג פלעצער (א העכערונג פון 218 אדער 85 פראצענט)
- 96 פארקינג פלעצער פאר געשעפט קונדן

- 187 פארקינג פלעצער פאר איינוואוינער

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאַו ליבער, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וואס מיר מיינען מיט די ווערטער 'TOD', אדער 'טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט'. מיר האבן דא הייזער, הערליכע נייע הייזער, נאענט צו טראנספארטאציע אזוי אז מענטשן דארפן נישט האבן אזויפיל קארן און דארפן זיי נישט נוצן אזוי אפט. אזוי ווי די גאווערנער האט געזאגט, די זענען די יוניטס וואס זענען ספעציעל דעזיינט פאר עלטערע מענטשן וועלכע ווילן זיך ארויסציהען פון די גרויסע הויז וואס איז צו גרויס פאר זיי אבער ווילן בלייבן נאענט צו זייערע פריינט אין די קאמיוניטי וואו זיי זענען געוואקסן זייער גאנצע לעבן."

**MTA פרעזידענט פון קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט, דזשעימי טארעס-ספרינגער, האט געזאגט,** "טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט פארשטערקערט די MTA און די קאמיוניטיס וועם מיר באדינען. די דעוועלאפמענט וועט אויפלעבן העריסאן, עס וועט העלפן אדרעסירן די ראינישע האוזינג מאנגל און פארבינדן מער מענטשן דירעקט מיט די מערסטע ענווייראמענט-פריינטליכע און פארלעסליכע צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן."

**מעטראָ-נארט פרעזידענט און לאנג איילענד רעיל ראָוד צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די הערליכע קאמפלעקס טראנספארמירט אינגאנצן די געגנט ארום די העריסאן סטאנציע, און עס וועט צוציהען נייע פאסאנזשירן צו די ריינערע און גרינערע פובליק טראנספארטאציע וואס מעטראָו-נארט שטעלט צו. אנשטאט בלויז זיין א פלאץ וואו צו קומען און פארלאזן שנעלערהייט, איז די העריסאן סטאנציע יעצט א דעסטינאציע און א ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען טראנספארמירן שטעט און פארמערן די באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע מיט טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט."

**סטעיט סענאטארשע שעלי מעיער האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול און מיט די MTA צו פייערן די עפענונג פון די ערשטע טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט קאמפלעקס דא אין מיין דיסטריקט. מיט איבער 140 נייע אפארטמענטס געבויט אין די הארץ פון העריסאן'ס שטאט-צענטער, וועלן מער ניו יארקער האבן די געלעגנהייט צו געניסן פון די לעבהאפטיגע העריסאן קאמיוניטי בשעת'ן האבן ערשטע-קלאס צוטריט צו מעטראָו נארט סערוויס. איך לויב אויס גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט אין קאמיוניטיס ווי העריסאן, וועם איך בין שטאלץ צו פארטרעטן."

**אסעמבלי מיטגליד קריס בורדיק האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו זעהן וויאזוי די נייע טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט אין העריסאן האט דראמאטיש פארענדערט די לאנדשאפט פון די שטאט'ס צענטער. עס וועט אן א ספק גיבן א מער לעבהאפטיגע שטאט-צענטער ערפארונג וואס וועט בענעפיטירן די ביזנעסער און די געפיל פון קאמיוניטי."

די ערשטע שטאפל פון דעם צוויי-שטאפלדיגער פראיעקט האט זיך געעפנט אין אויגוסט 23, 2021, און עס האט אריינגערעכנט די קאנסטרוקציע פון א פארקינג גאראזש מיט 598 פלעצער פאר פאסאנזשירן, פלאצירט בלויז געציילטע טריט אוועק פון די העריסאן סטאנציע'ס קאנעטיקוט-ריכטונג פלאטפארמע. די גאראזש איז אין אייגנטום און אפעראציע פון מעטראָו-נארט.

דער העריסאן פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין א טראנספארמאטיווער פראיעקט פאר די סטאנציע און פאר די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט פון העריסאן, און עס איז א דריי-פאכיגע געווינס פאר די שותפות. אויף די רעגירונג זייט, האט די MTA יעצט פארבעסערט די צוטריט צו די סטאנציע (מער פארקינג, פארבעסערטע פלוס פון פיסגייער מיט דירעקטע צוטריט צו די ארויספארנדע פלאטפארמע פון די

גאראזש); א פארבעסערטע סטאנציע אטמאספערע מיט ריטעיל געשעפטן לעגנאויס Halstead Avenue און אין די פלאזאס/הויף; און מער איינוואוינער געדיכטקייט מיטן זיין גענוג נאענט צו גיין צופיס צו די סטאנציע וואס וועט קענען פירן צו א העכערונג אין די צאל פאסאנזשירן; דאס אלעס בשעת'ן פארמיידן סיי וועלכע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג געלטער.

די טאון/ווילעדזש אָוו העריסאן בענעפיטירן מיט א פאטענציאלע עקאנאמישע טרייב קראפט פאר די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און שטייער איינקונפטן פון די פראפערטי וואס איז בעפאר דעם געווען אין רעגירונג אייגנטום. Avalon Bay Communities האט יעצט א מוסטער פון א טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט לענגאויס מעטראָו-נארט'ס מערסט-פארנומענע פאסאנזשירן ליניע.

העריסאן האט יעצט 98 באנען יעדע וואכן טאג און 75 יעדע שבת און זונטאג, אין אלגעמיין אפפערנדיג סערוויס יעדע 30 מינוט צו מאנהעטן און סטעמפארד דורכאויס ווייניגער-פארנומענע שעה'ן און יעדע 20 מינוט דורכאויס פארנומענע שעה'ן.

Avalon Harrison ערגענצט גאווערנער האקול'סברייטע אגענדע צו פארגרעסערן די צאל פון ניו יארק'ס הייזער און מאכן די סטעיט פאר א מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע פלאץ. די גאווערנער האט לעצטנס אנאנסירט א רייע [עקזעקיוטיוו שריט](https://www.governor.ny.gov) צו שטופן פאר האוזינג וואוקס אריבער ניו יארק סטעיט. אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אויך פארזיכערט פינאנצירונג פאר א [פינף-יעריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן](https://www.governor.ny.gov) צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אין שטאטישע און שטעטלישע געגנטער אריבער ניו יארק.

**איבער די MTA'ס טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט פראגראם**
דורך איר טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט מאנשאפט, ארבעט די MTA צוזאמען מיט פראפערטי אייגנטימער און לאקאלע רעגירונגען אריבער די ראיאן צו שטופן פאר דעוועלאפמענט ארום טראספארטאציע סטאנציעס וועלכע פארמערן די צוגענגליכקייט און שטעלן צו הייזער, ריטעיל געשעפטן, אפיס פלאץ און פארבעסערונגען פאר די פובליקום. די הצלחה פון העריסאן ווערט יעצט נאכגעפאלגט דורך אנדערע TOD דעוועלאפמענט פראיעקטן ביי מעטראָו-נארט און לאנג איילענד רעיל ראָוד סטאנציעס וועלכע ווערן געבויט אין איינקלאנג מיט לעצטנס-דורכגעפירטע מוניציפאלע איבערגעארבעטע זאָנינג רעגולאציעס.

די MTA ארבעט יעצט מיט די ווילעדזש אָוו וועסטבורי אין נעסאו קאונטי צו ברענגען א וואוינונגען דעוועלאפמענט געמישט מיט נאך באנוצן אויף די פאסאנזשירן פארקינג לאט אין אייגנטום פון LIRR דרום פון די וועסטבורי סטאנציע, נאכפאלגנדיג מולטי-ביליאן דאלארדיגע MTA אינוועסטירונגען אין LIRR. די MTA זעצט פאר צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס וועלכע האבן זיך פארפליכטעט צו פארבעסערן און אקטיוויזירן זייערע סטאנציע געגנטער דורכאן איבערארבעטן די זאָנינג רעגולאציעס צו ערלויבן מער געדיכטע געביידעס און געמישטע געביידע באנוצן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)